# תרומה ב

א. ביים סיום פון דער סדרה, איז רש״י מבאר וועגן יתדות[1] (א) ווי אַזוי די יתדות זענען אויס — „כמין נגרי נחושת״, (ב) צו וואָס זיי האָבן גענוצט — „עשויין לירועות האהל ולקלעי החצר קשורים במיתרים סביב בשיפוליהן כדי שלא תהא הרוח מגביהתן״.

דערנאָך איז רש״י ממשיך: „ואיני יודע[*1] אם תחובין בארץ או קשורין ותלויין וכובדן מכביד שפולי היריעות שלא ינועו ברוח. ואומר אני ששמן מוכיח עליהם שהם תקועין בארץ לכך נקראו יתדות. ומקרא זה[2] מסייעני אהל בל יצען בל יסע יתדותיו לנצח״.

איז אין דעם ניט מובן:

א) וואָס רש״י זאָגט „ששמן מוכיח עליהם שהם תקועין בארץ״; וואָס איז די הוכחה פון דעם נאָמען „יתדות״ אַז זיי זיינען „תקועין בארץ״[3]? און אויב רש״י נעמט אָן, אַז פונעם נאָמען „יתדות״ האָט מען יאָ אַ קלאָרן באַווייז אַז זיי זיינען „תקועין בארץ״, ווי אַזוי זאָגט ער אַליין פריער „ואיני יודע אם תחובין בארץ״, זאָגענדיק בפירוש אַז דאָס איז ניט באַוואוסט?

לויט אייניקע נוסחאות איז אָט דער גאַנצער המשך — אָנהויבענדיק פון „ואומר אני״ ביז צום סיום — ניט דער לשון פון רש״י אַליין, נאָר אַ הוספה וואָס איז צוגעגעבן געוואָרן דורך זיינעם אַ תלמיד[4]. אָבער אויך לויט די נוסחאות קען מען ניט פאַרענטפערן, אַז ביי רש״י איז טאַקע ניט באַוואוסט[*4] צי די יתדות זיינען געווען תחוב בארץ, און ביי זיין תלמיד איז געווען ברור מיט אַ פשיטות אַז דער יתד איז תקוע בארץ — וואָרום וויבאַלד אַז מיט די צוגעגעבענע ווערטער „ואומר אני ששמן מוכיח עליהם כו׳ ״ האָט דער תלמיד געמיינט אַרויסצוברענגען אַ בירור אין דעם וואָס רש״י זאָגט „ואיני יודע כו׳ ״, פאָדערט זיך דאָך ער זאָל מבאר זיין ווי אַזוי דאָס איז מוכח פון „שמן״, און ניט בלויז זאָגן סתם בפשיטות אַז ס׳איז דאָ אַזאַ הוכחה.

ב) נאָך דעם ווי רש״י (אָדער זיין

---

1) אין לומר כדעת הדפוסים שראיתי — שהדפיסו התיבה „יתדות״ באותיות ובאופן שמדפיסים התיבות שרש״י מעתיקן מן הכתוב — שזהו ד״ה חדש על תיבת „יתדות״ שבקרא — דא״כ הו״ל לרש״י להעתיק „יתדותיו״ שקדמה ל„יתדות״. ולכן נ״ל: א) שרש״י מבאר דברי עצמו* באותו ד״ה „לתקוע יתדות״. וכ״מ בדפוס הא׳ דפרש״י שבו תיבת יתדות אינה מובדלת בנקודה לא לפני׳ ולא לאחרי׳** כבשאר תיבות שנעתקו מהכתוב.

אלא שעפ״ז יוקשה ההמשך „נחושת״ „בשיפוליהן״ — שהרי בפרש״י קורא „יתדות״ גם ל„ווי״ העמודים שהיו מכסף, ולמעלה. ולכן נ״ל יותר לומר

ב) דבכת״י הראשונים דפרש״י הי׳ כתוב „יתדות׳ ״ (וכוונתו ל„יתדותיו״ דקרא — וכרגילות מעתיקי כת״י לקצר מלאכתם ע״י ר״ת, קו וכיו״ב), ואחד המעתיקים החליט שהקו מיותר, שהרי כתוב בקרא יתדות, ולא שם לבו ש„יתדותיו״ קדם לה, ושבשתא כיון דעל על.

*1) בבמדב״ר (פי״ב, יט) שהיו נועצים היתדות בארץ. וכנראה שגירסא אחרת הייתה לרש״י. ובלאה״כ צ״ל כן, שהרי לרש״י (נשא ד, לב) היו יתדות גם במשא בני גרשון, משא״כ לגירסתנו בבמדב״ר שהיא כדעת הרמב״ן (נשא שם).

2) ישעי׳ לג, כ.

3) וגם אינו מובן: בשביל מה מסיים „לכך נקראו יתדות״, דלכאורה — מיותר?

4) יוסף בר שמעון.

*4) ראה ג״כ לקמן ס״ג.

---

*) ע״ד פרש״י ואתחנן ו, ז.

**) תחי׳ רק צילום — פאָטאָסטאַט — מדפוס הראשון, ואפשר שאינו ברור כ״כ, אבל מהריוח שבין התיבות נראה שלא היו בו הנקודות.

תלמיד) זאָגט „ששמן מוכיח עליהם שהם תקועין בארץ", איז ער נאָך מוסיף: „ומקרא זה מסייעני כו'". ולכאורה, אויב ער האָט שוין יע דעם באַווייז (פון „שמן") אַז יתד איז אַ זאַך וואָס ווערט אַריינגעזעצט אין דער ערד, איז דאָך ניטאָ קיין הכרח עס זאָל זיין אַ סיוע[5] פון פסוק[6]?

ג) פאַרוואָס טאַקע זאָל מלכתחילה זיין אַ ספק ביי רש"י צי די יתדות זיינען געווען „תחובין בארץ" (ובפרט לויטן נוסח אַז אַט־די ווערטער „ואומר אני כו'" שטאַמען ניט פון רש"י אַליין — ביי אים איז דאָס געבליבן בגדר ספק) — בשעת ס'איז פאַראַן אויף דעם אַ בפירוש'ע ראי' פון דעם געבראַכטן פסוק „אהל בל יצען גו'"?

ד) אַז יתדות שטעלן מיט זיך פאַר די זאַך פון „תקועין" (אַריינגעזעצט, אַריינגעפעסטיקט), זעט מען בפירוש אין כמה וכמה פסוקים „ותתקע את היתד"[7]; „ותקעתיו יתד במקום נאמן"[8] — האָט דאָך לכאורה רש"י (אָדער תלמידו) גע־דאַרפט ברענגען די ראי' פון אַט־די פסוקים, ערשטנס, ווייל זיי שטייען (אין תנ"ך) פריער פון דעם געבראַכטן פסוק „אהל בל יצען גו'"; און, והשנית, ווייל אין זיי שטייט בפירוש „ותתקע"; „ותקעתיו" אין צוזאַמענהאַנג מיט „יתד" — בעת פון דעם פסוק „אהל גו' בל יסע יתדותיו לנצח" ווערט געבראַכט די ראי' (אַז די יתדות זיינען „תקועין") ניט מצד אַ בפירוש'ן לשון, נאָר מצד דער משמעות התוכן פון פסוק (וויבאַלד עס ווערט געזאָגט „בל יסע יתדותיו", אַז די יתדות ווערן ניט אָפּגערוקט פון אָרט, איז מוכח אַז זיי זיינען „תקועין")?

ב. פון דעם וואָס רש"י (א) זאָגט בפשיטות „ששמן מוכיח עליהם" און (ב) ער ברענגט ניט קיין ראי' פון „ותתקע את היתד" אָדער „ותקעתיו יתד", איז אַ הוכחה, אַז בנוגע די אייגנשאַפט פון יתדות אין אַלגעמיין — איז ביי רש"י'ן קיין ספק ניט. ד. ה. מען ווייס אַז יתד בכלל איז אַ זאַך וואָס ווערט ערגעץ אַריינגעשטעקט (אַף צו גראָבן), אָדער אַריינגעהאַקט און אַריינגעפעסטיקט[9].

אין דערפאַר, איז אויך בנוגע צו די יתדות המשכן, זאָגט ער בפשיטות (אויך לויטן פירוש אַז די יתדות זיינען ניט געווען תחובין בארץ), אַז זיי זיינען געווען „כמין נגרי נחושת" וואָס נגרים — אין לשון הקודש — זיינען אַזוינע זאַכן וועלכע מען איז ערגעץ־וואו תוקע[10] — ווייל דאָס איז דער פירוש פון יתדות.

---

5) וגם: הרי הוכחתו שיתדות הם תקועין הוא מהתיבות „בל יסע יתדותיו לנצח", ולמה מעתיק גם „אהל בל יצען"?

6) לכאורה אפשר לתרץ קושיות הנ"ל, שמה שמביא את הפסוק „אהל בל יצען בל יסע יתדותיו לנצח" הוא לבאר את כוונתו ב„שמן מוכיח עליהם". אבל — אינו. כי (א) לפי"ז הוצרך לכתוב „ואומר אני שתקועין הן בארץ ומקרא זה מסייעני כו'", והתיבות „ששמן מוכיח עליהן" מיותרים. (ב) באם „ומקרא זה מסייעני" בא בהמשך ל„שמן מוכיח עליהם", וכוונתו בזה להוכיח שיתדות בכלל הם תקועין, הו"ל לכתוב „ומקרא זה מסייעני" בסמיכות ל„ששמן מוכיח עליהם" בכדי להוכיח שיתדות בכלל הם תקועין, ורק לאחרי זה לסיים „לכך נקראו (אלו שבמשכן בשם) יתדות". ומזה שכותב „לכך נקראו יתדות" לפני „ומקרא זה מסייעני" משמע ש„ומקרא זה מסייעני" הוא סיוע נוסף ל„ואומר אני".

7) שופטים ד, כא.

8) ישעי' כב, כג.

9) כי מכיון שיתד הוא דבר חד — בפשטות לה"ק (שלכן אין רש"י מפרש זה בפי' עה"ת) — ממ"ש (תצא כג, יד) „ויתד תהי' לך גו' וחפרת בה" — והרי בדבר שאינו חד א"א לחפור, הרי מובן שהוא עשוי (בנוגע לבנין) לתקעו.

10) ראה רש"י ד"ה נגר (שבת קכו, א): יתד שתוקעין כו'. ד"ה ובנגר (ב"מ קא, ב): ותוחבין אותו כו'. ד"ה עשאה כמין נגר (מנחות לג, א): שקבעה ותחבה בסוף כנגר

דער ספק איז נאָר, צי זיינען זיי — ביים משכן — אויך בפועל געווען תחובין בארץ אָדער ניט. און זיין סברא צו זאָגן אַז זיי זיינען ניט געווען תחובין — כאָטש אַז ביי אים איז פשוט אַז אויך די יתדות המשכן זיינען געווען כמין „נגרי", ד. ה. זיי האָבן אַזאַ צורה (פאָרם) אַז מען קען זיי תוקע זיין:

היות דער משכן איז (אין מדבר) ניט געשטאַנען בקביעות אויף איין אָרט [11] און מ'האָט אים געדאַרפט פאַנאַנדערנעמען [12], איז מער מסתבר אַז בכדי אויסצומיידן טרחא יתירה, זאָל מען די יריעות און קלעים איינהאַלטן דורך דער שווערקייט פון הענגענדיקע יתדות — אידער דורך אַן אופן וואָס די יתדות זיינען „תחובין בארץ", און מ'זאָל דאַרפן, ביי יעדער פאַנאַנדערנעמען, אַרויסרייסן די יתדות פון דער ערד און זיי ווידער אַמאָל אַריינזעצן ביים צווייטן מאָל צונויפשטעלן.

ס'איז אָבער לויט דעם ניט פאַרשטאַנדיק:

א) אויב מ'נעמט אָן, אַז איינהאַלטן די יריעות המשכן, האָט דער כובד פון די יתדות, האָט מען דאָך צוליב דעם צוועק איבערהויפּט ניט געדאַרפט נוצן קיין „יתדות" וואָס זייער זאַך איז צו טאָן אַט־די פעולה דורך זיין תקוע בארץ — נאָר דורך שווערע זאַכן — וואָס פאַר אַ צורה זיי זאָלן ניט האָבן?

ב) וויבאַלד אַז דער ספק איז (ניט בנוגע די צורת היתדות, נאָר) צי בפועל זיינען זיי געווען תחובין, היינט וואָס העלפט דאָ די ראי' פון („שמן", און עאכו"כ פון) דעם פסוק „אהל בל יצען בל יסע יתדותיו לנצח" וואו עס רעדט זיך כלל ניט וועגן משכן?

ג. וועט עס ווערן פאַרשטאַנדיק בהקדים וואָס רש"י זאָגט פאַר דעם (אין פריערדיקן דיבור המתחיל אין אונזער פסוק) *[12]: „מקבות לתקוע יתדות ועמודים". ולכאורה, ביי רש"י איז עס דאָך (נאָך) ניט מוחלט צי די יתדות זיינען געווען תחובין אָדער תלויין — ווי אַזוי זאָגט ער פריער מיט אַ פשיטות „לתקוע יתדות"?

מוז מען דאָך זאָגן, אַז עס זיינען געווען במשכן [13] צוויי מיני „יתדות" — און ווי רש"י אַליין זאָגט עס בפירוש אין פרשת נשא *[13]: „ויתדות ומיתרים היו ליריעות ולקלעים מלמטה כו'" (וואָס באַ זיי איז דער ספק בפירש"י דאָ) ויתדות ומיתרים היו לעמודים סביב לתלות בהם הקלעים בשפתם העליונה" — און בנוגע אַט־די לעצטע יתדות, איז ביי רש"י קיין ספק ניט אַז זיי זיינען געווען „תקועין" — און צו אַט־די יתדות איז עס רש"י מכוון אין פריערדיקן דיבור. וואָרום ס'איז פשוט אַז די יתדות העמודים — וואָס אויף זיי האָט מען (באמצעות „הכלונסות וקונדסין" [14]) אויפגעהאַנגען דעם אויבערשטן

---

שתוחבין הנגרין בכותל. ועוד.

וכן מוכרח מפירש"י דידן גופא — שהרי הפירוש „כמין נגרי נחשת" הוא גם להדיעה שהיתדות היו תחובין.

11) ראה ס"פ פקודי. במדבר א, נא ופרש"י שם. ועוד. וגם בפסוק זה עצמו כותב רש"י (ד"ה לכל כלי המשכן) „שהיו צריכים להקמתו ולהורדתו".

12) ראה בהעלותך ט, יז ואילך.

*12) ראה לעיל הערה 1.

13) אבל בכלל — יש גם יתד לחפור, יתד דבמעשה שמשון ועוד.

*13) ד, לב.

ברמב"ן שם מקשה, שבברייתא דמלאכת המשכן (פ"ה) „לא נשנה שיהיו יתדות לעמודים" — אבל מפשטות לשון הכתוב (פשוטו של מקרא) „ועמודי גו' ויתדותם" משמע שהיו יתדות לעמודים.

14) במפרשי רש"י שם ש„יתדות" הכוונה ל„קונדסין" שהיו תלויים באונקלי העמודים. אבל [נוסף שלפי"ז אינו מובן מ"ש רש"י

ברעג פון די קלעים — זיינען זיי געווען „תקועין" אין די עמודים און באופן כזה איפגעהאַלטן די הענגענדיקע קלעים. ופשוט אַז דאָס האָט לחלוטין ניט צו טאָן מיט כיבוד היתדות. און ווי רש"י אַליין איז עס מצייר אין אונזער סדרה [15] און פירט אויס אַז די „אונקליות" (וואָס לפי משמעות הענין מוז מען זאָגן אַז דערמיט מיינט מען די יתדות [16]) וואָס אויף זיי איז געווען תלוי דער „קונדס דרך טבעתו", זיינען געווען תקוע אין דעם עמוד.

ועפי"ז קען מען זאָגן, אַז די (אונ־טערשטע) יתדות פון די יריעות און קלעים (שבפרשתנו) זיינען טאַקע ניט געווען תחוב בארץ, נאָר זיי האָבן איינגעהאַלטן די יריעות וקלעים מיט זייער כובד (לויט ווי ס'איז מער מסתבר צו זאָגן, כנ"ל סעיף ב'); אי, פאַרוואָס עפּעס האָט מען אויף דעם גענוצט יתדות און ניט אַנדערע שווערע זאַכן — איז עס מצד דעם ווייל היות אַז צו די זעלבע קלעים בשפתם העליונה האָט מען גענוצט יתדות (און דאָרט האָט מען דאָך געמוזט האָבן יתדות, כנ"ל), האָט מען דעריבער אויך גענוצט יתדות צו די קלעים בשיפוליהן ובמילא אויך צו די יריעות בשיפוליהן [17] כאָטש אַז מען האָט געקענט נוצן אויך אַנדערע זאַכן.

ד. און נאָך דעם ווי רש"י טייטשט אויס, אַז מצד הענין איז דאָ ניט ברור, פירט רש"י אַליין אויס: „ואומר אני", אַז זיי זיינען געווען תחובין בארץ, און ברענגט אויף דעם צוויי ראיות:

א) „ששמן מוכיח עליהם שהם תקועין בארץ לכך נקראו יתדות": וויבאַלד דער פסוק רופט זיי דאָ פאַרט אָן מיטן נאָמען יתדות, איז דערפון גופא משמע, אַז דאָס איז ניט בלויז צוליב זייער ציור פון יתדות און דערביי האָט זייער ציור קיין ראָלע ניט געהאַט — נאָר דער כובד אַליין, נאָר אַז זיי זיינען טאַקע גענוצט געוואָרן בהתאם מיט זייער נאָמען [18].

היות אָבער אַז דאָס איז דאָך ניט קיין שטאַרקע ראי' (וואָרום סוף־כל־סוף איז ניטאָ קיין קלאָרער באַוויז אַז דער פסוק רופט זיי אָן יתדות מחמת זייער פועל'דיקן באַנוץ אַלס יתדות) — ובפרט נאָך אַז לויט ענין המשכן, איז פאַראַן קעגן דעם אַ סברא להיפך, כנ"ל, אַז זיי זיינען ניט געווען תקועין, וויבאַלד מ'האָט געקענט אויסקומען אָן דעם — ברענגט דעריבער רש"י נאָך אַ ראי':

ב) „ומקרא זה מסייעני אהל בל יצען בל יסע יתדותיו לנצח" — וואָס פון דעם פסוק זעט מען אַז דער שטייגער צו איפהאַלטן אַן אהל (וואָס ענינו איז דאָך העתקה פון אָרט צו אָרט [19]) איז דורך יתדות וואָס מ'קען ניט אַוועקרוקן פון

---

„לתקוע יתדות"], מלשון רש"י „ויתדות כו' לתלות בהם כו' בכלונסות וקונדסין" משמע שהיתדות אינם הקונדסין. וראה גם ברייתא דמלאכת המשכן שם: „הי' מחבר את הקונ־דסין . . בתוך יתדות".

15) כז, י.

16) ראה גם פירש"י שם: „ווי העמודים — הם האונקליות" ובפירש"י סנהדרין כב, א: „ווי העמודים — יתדות כסף העשויין כמין אונקליות כו'".

17) ואין להקשות דאפילו בתור סברת ספק אין לדמות אותם זל"ז, כיון שווי העמודים (היתדות) היו של כסף, והיתדות של היריעות וקלעים בשיפוליהן — של נחשת — כי אדרבא: מסתבר לומר דכמו שצמצם הכתוב מספר מיני הכלים שבמקדש (ומשכן) — עיין מנחות רפ"י ב' מדות כו' ז' מדות כו' — כך מצומצם מספר צורות הכלים וכיו"ב. ועוד — הדפוס ליציקת ווי (יתדות) העמודים הרי אפשר להשתמש בו גם לצורך שיפולי הקלעים והיריעות, ולמה יעשו דפוס נוסף?!

13) ועפי"ז מובן מה שרש"י מסיים „לכך נקראו יתדות" — דלכאורה מיותר — כי כל עיקר הוכחתו הוא ממה שנקראו (בכתוב זה) יתדות.

19) עיין לך (יב, ח) „ויעתק משם" ופירש"י: אהלו.

ארט, דאס מיינט אז זיי זיינען תחוב בארץ. ובמילא (ניט נאר פאלט אפ די סברא הנ"ל אז מ'האט זיך באנוגט מיט יתדות תלוים, נאר אדרבה) — „ומקרא זה מסייעני": דערפון וואס דער פסוק לערנט אונז, אז אן אוהל חשוב (אוהל בל יצען) איז דער סדר צו באפעסטיקן אים דורך יתדות התחובין בארץ[20], איז פאראן א סיוע צו הנחת רש"י בנוגע צו אהל המשכן, אן אוהל הכי חשוב, אז דארט זיינען זיי געווען תקועין בארץ.

דאך איז אבער מובן, אז נאך דעם אלעם איז עס ניט קיין הוכחה גמורה, און סוכ"ס איז ניט אויסגעשלאסן, אז ביים משכן בפרט (לויט מהותו ותנאיו המיוחדים [20*]) איז געווען אנדערש — דערפאר זאגט רש"י ביים צוטרעטן צום ענין (מלכתחילה): „ואיני יודע"; און אויך זיין שפעטערדיקן בירור זאגט ער אין א לשון פון „ואומר אני", אז אזוי לייגט זיך אפ ביי אים, מיינענדיק דערמיט אז קיין בירור גמור איז עס ניט.

ה. מ'האט שוין פיל מאל גערעדט, אז אין פירוש רש"י עה"ת — אפילו דארט וואו ער איז אויסן צו מפרש זיין נאר דעם פשט און ניט קיין הלכות — זיינען פאראן אויך ענינים פון הלכה און (מכ"ש [21]) ענינים פון פנימיות התורה, ובלשון רבותינו [22] — „יינה של תורה".

דער דין ביי שבת איז, אז דאס וואס מלאכת בנין איז אסור מן התורה בשבת איז עס בלויז די מלאכה פון א בנין קבע, אבער די מלאכה פון א בנין ארעי, איז אסור נאר מדרבנן [23].

וואס איז דער גדר פון א בנין קבוע? — איז דאס אויך שייך און תלוי אין דעם חילוק צווישן אט־די צוויי מעגליכע אופנים אינעם אפטייטשן „יתדות" וואס רש"י לאזט אונז הערן בפירושו לפרשתנו:

אויב מ'זאל אננעמען, אז די יתדות האבן פעסטגעהאלטן די יריעות וקלעים דורך זייער כובד, פארשטייט מען דערפון — וויבאלד אלע מלאכות פון שבת לערנט מען אפ פון מלאכת המשכן [24] — אז אפילו ווען מ'בויט אן אהל וואס איז ניט פארפעסטיקט אין אן אופן פון „תקועין" (דורך יתדות וכדומה), אויב נאר ער איז געגנוג פעסט ניט צו זיין „נע ונד ברוח מצוי'" [25], הייסט עס שוין א בנין קבוע און אסור מה"ת; אויב אבער מ'וועט אננעמען ווי דער פירוש אז די יתדות זיינען געווען תחובין, דארף אויסקומען, אז דער איסור פון בונה בשבת מה"ת — איז דווקא ביים בויען אן אהל אין אן אופן פון „תקועין".

ו. כאמור לעיל, איז אין פירוש רש"י פאראן „יינה של תורה". פון די ענינים של פנימיות התורה וואס זיינען מרומז אין אונזער פירש"י:

ס'איז מבואר אין חסידות [26], אז דער ביהמ"ק איז געווען געבויט בעיקר פון דומם, און דער משכן — פון צומח און חי. און הגם ס'איז פשוט, אז די השראת השכינה — דער ענין פון „ושכנתי בתוכם" [27] — האט זיך אויפגעטאן אויך אין

20) שלכן מביא רש"י גם תחלת הכתוב „אהל בל יצען".

*20) אוהל בכלל — הרי ביכולת בעל האוהל להיות במקום אחד כל משך ימי חייו, משא"כ במשכן — שידעו שנוסעים ממקום למקום עד שיבואו לעבר הירדן מערבה.

21) ראה לקו"ש ח"ה ע' 1 הערה 3.

22) היום יום ע' כד.

23) ביצה לב, סע"ב. ובכ"מ. שו"ע אדה"ז ר"ס שט"ו.

24) שבת מט, ב. שו"ע אדה"ז ר"ס ש"א.

25) ראה שו"ע אדה"ז סשט"ו סעיף ז'.

26) תו"א ר"פ ויגש. לקו"ת ברכה צט, ד' ואילך. וראה לעיל ע' 17, 20־21.

27) פרשתנו כה, ח.

דעם עפר (דומם) שבקרקע המשכן[28], איז אָבער פאַרט ניט גלייך די קדושה פון קרקע המשכן צו דער קדושה פון די יריעות און די קרשים: די יריעות און קרשים זיינען געווען קדוש מצד עצמם, משא״כ דער עפר פון קרקע המשכן — זיין קדושה איז געקומען בלויז מצד דעם משכן (די יריעות וקרשים) וואָס איז געשטאַנען אויף אים. און נאָכדעם ווי מ׳האָט פון דעם אָרט צוגענומען דעם משכן — איז אין דער קרקע, וואו דער משכן איז געשטאַנען, ניט פאַרבליבן פון דער פריערדיקער קדושה[29].

וואָס דאָס איז די מעלה אין ביהמ״ק לגבי דעם משכן. אין ביהמ״ק איז די קדושה וואָס אין דעם דומם — אפילו אין דעם דומם פון קרקע ביהמ״ק — אַ קדושה מצד עצמו. און אויך לאחרי החורבן — נאָכן חורבן בית ראשון[30], אָדער נאָכן חורבן בית שני, וואָס איז געווען אינעם אופן „ערו ערו עד היסוד בה״[31] — מען האָט חרוב געמאַכט ביז די יסודות[32] אָדער — אויך[33] די יסודות[34] — איז דאָך לכמה דעות פאַר־בליבן קדושה אין דעם מקום המקדש[35].

ז. די שאלה איז אָבער: ווי שטאַרק און ווי טיף ס׳איז געווען די קדושה פון קרקע המשכן אין דער צייט וואָס דער משכן איז דאָרט געשטאַנען — און דאָס איז תלוי אין די צוויי אופני הפירוש פון „יתדות״ וואָס רש״י ברענגט דאָ אַרויס:

לויט דעם אופן אַז די יתדות האָבן אויפגעהאַלטן דעם משכן בלויז דורך זייער כובד, דאַרף אויסקומען אַז אַט־די קדושה וואָס ווערט נשפע פון משכן אין קרקע המשכן איז דאָס נאָר אַ מסובב, האָט דורכגענומען דעם עפר נאָר אין חיצוניות, עס איז ניט פאַרבונדן מיט דעם שטח הקרקע אַלס פרט, נאָר אַלס קרקע סתם, היות אַז אויך ווען ער איז געשטאַ־נען איז דער משכן ניט געווען איינגע־פעסטיקט דורך חיבור ותקיעה בקרקע,

---

28) וכדמוכח גם מהדין (נשא ה, יז) ומן העפר אשר יהי׳ בקרקע המשכן יקח הכהן גו׳.

29) ולהעיר מהר סיני דבתחלה „כל הנוגע בהר מות יומת״ ולאחר מ״ת (שהגילוי הי׳ מלמעלה (ראה לקו״ת ראה כח, ב)), „המה יעלו בהר״ (יתרו יט, יב־יג).

30) החריבו רק את התקרה — ירושלמי יומא פ״א ה״א. וראה גם גיטין נז, ב. שמו״ר פל״ה, ה.

31) תהלים קלז, ז.

32) לפי דיעה א׳ באיכ״ר רפ״ה.

33) לפי דיעה הב׳ באיכ״ר שם. שמו״ר שם. זח״ג פט, א. וראה גם ירושלמי שם (עפ״י קה״ע).

34) ועפ״י מ״ש בתוספתא ברכות ספ״א: „שאין שכינה חוזרת עד שתעשה הר . . מאימתי משנעקרו יסודותי׳ ממנה״, י״ל — שאדרבה: דוקא עי״ז שהחורבן הי׳ באופן ד„ערו ערו עד היסוד בה״ — יותר מבבית ראשון — „נשאר המקום בקדושתו״ (צפנת פענח להרגוצובי — הובא ב„מפענח צפונות״ ע׳ קמא).

ובזה יובן גם מה שאמר ר״ע (סוף מס׳ מכות) „תלה הכתוב נבואתו של זכרי׳ בנבואתו של אורי׳, באורי׳ כתיב (מיכה ג, יב) לכן בגללכם ציון שדה תחרש וגו׳ בזכרי׳ כתיב כו׳״ — דלכאורה, הרי כו״כ פסוקים מדברים אודות החורבן, ולמה בחר בפסוק זה דוקא —

כי ב„ציון שדה תחרש״ מרומזים ב׳ הענינים: (א) גודל החורבן ואופנו — שלא נשאר מאומה, וכמו שדה שאין בה שום בנין גם לא היסודות. (ב) שעי״ז דוקא תהי׳ הגאולה, כי חרישת השדה היא הכנה להצמיחה (ראה חדא״ג מהרש״א שבת קלט, א), ולכן קיום הנבואה „ציון שדה תחרש״ מעידה על קיום היעוד (זכרי׳ ח, ד) „עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים״ (משיחת יו״ד שבט — יום ההילולא — תשכ״ה. עיי״ש בארוכה. וראה גם לקו״ש חי״ט ע׳ 72 ואילך).

35) מגילה י, א. וש״נ. רמב״ם שם ספ״ו.

נאר זיך אויפגעהאלטן אויף דער קרקע דורך אן אנדער זאך — כובד היתדות[36].

משא"כ לויטן פירוש אז די יתדות זיינען געווען „תחובין בארץ", האט די קדושה פון משכן אריינגעדרונגען אין דעם שטח קרקע אין א פנימיות. נאכמער — דאס וואס דער משכן איז געווען קבוע במקומו, אהל בל יצען — איז דאס גע־קומען פון דעם קרקע המשכן; דער שטח פרטי, קרקע המשכן איז די סיבה פון קביעות המשכן (שאז קדושתו יותר — ווי ווען דער משכן איז פאנאנדערגענומען. און ס'איז נוגע לכמה דינים)[37].

ח. ס'איז ידוע, אז די קדושה פון (משכן און) ביהמ"ק האט מאיר געווען אויך בכל העולם[38]. פון דעם איז מובן, אז דורך בנין ביהמ"ק איז געגעבן געווארן יעדן אידן א כח (אין זייער „ועשו לי מקדש" בנפש[39]) צו ממשיך זיין קדושה בכל העולם כולו און אין אן אופן פנימי וקבוע — בדוגמא ווי די קדושה פון בית המקדש.

און דערפון קומט ארויס א הוראה, אז יעדער איד, וואו ער זאל ניט זיין — אפילו ווען ער געפינט זיך אין ארץ העמים וואס תורה פסק'נט אז אוירה און גושה זיינען טמא[40] — האט ער בכח צו מברר זיין חלקו בעולם און דארט ממשיך זיין קדושה באופן פנימי וקבוע, בדוגמת הקדושה דביהמ"ק.

וואס דאס איז דער ביאור אויפן מאמר רז"ל[41] אז די בתי כנסיות ובתי מדרשות שבחו"ל זיינען „מקדש מעט" און מען וועט זיי לע"ל מיטנעמען קיין ארץ־ישראל — ווייל דורך זייער תפלה און תורה זיינען אידן ממשיך קדושה אויך אין די הייזער גופא וואס זיינען פון אבנים ועצים ועפר[42] און וועלכע געפינען זיך אין חוץ־לארץ — און די קדושה פאר־בלייבט אין זיי, בית אז סוכ"ס נעמט מען זיי מיט קיין ארץ־ישראל.

און אזוי, לאידך גיסא: דורך דעם וואס יעדער איד איז איצט ממשיך קדושה בחלקו בעולם, ווערט אויפגעטאן די הכנה צו „עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל[43] ועתידה א"י להתפשט בכל הארצות"[44] — און איבעראל, אין דער גאנצער וועלט, וועט נתפשט ווערן א מעין פון דער קדושה פון ביהמ"ק[45]; ענינו איז דאך „בית זבול לך"[46] — וועט מען דאן זען ווי די גאנצע וועלט איז א

---

36) ואולי י"ל דנפק"מ האם במשכן אסורה חציצה בין רגלי הכהנים לקרקע.

37) לב' הסברות דגדר קדושת קרקע המש־כן — יש להעיר מב' הדעות בהקדים עפר (קרקע המשכן) למים (דסוטה) — סוטה טז, ב.

ואף דשם גם במקדש כן הוא — הרי קרא קאי במשכן.

ולסברא הא' דכאן פסול בהקדים עפר ובמילא ידעינן דהסדר בקרא הוא לעכב. ואכ"מ.

38) להעיר מתנחומא בהעלותך ב. ויק"ר פל"א, ז. במדב"ר פט"ו, ב. וראה גם מנחות פו, ב ובפרש"י שם ד"ה שקופים. רש"י כת"י שם ד"ה ואטומים.

39) וכמרז"ל (נסמן בלקו"ש ח"ג ע' 906) בתוכו לא נאמר אלא בתוכם בתוך כאו"א מישראל.

40) שבת טו, ב. רמב"ם רפי"א מהל' טומאת מת.

41) מגילה כט, א.

42) ראה נגעים פי"ב, מ"ב.

43) ראה ספרי דברים א, א. שהש"ר פ"ז, ד (ג). פס"ר פ' שבת ור"ח. ילקו"ש ישעי' רמז תקג.

44) ראה ספרי, פס"ר וילקו"ש שם.

45) ראה זח"ב רלד, א: למהוי אתפשטותא דביתא בכל סטרין. וראה אוהח"מ — הובא בניצוצי זהר שם.

46) מלכים א ח, יג. וראה פירש"י ויצא (ל, כ) ד"ה יזבלני „עיקר דירתו".

דירה לו ית׳, ואדרבא עיקר דירה — בתחתונים [47].

און אַזוי ווי אין ביהמ״ק היו קוראין את השם ככתבו [48] — אַז דער שם הוי׳ איז געווען אין אַן אופן פון קריאה (בגילוי) — אַזוי וועט זיין אויך בכל העולם „הוי׳ אחד ושמו אחד — נקרא ביו״ד ה״י (כמו ש)נכתב ביו״ד ה״י״ [49] — אין דער גאולה האמיתית והשלימה, דורך משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו בקרוב ממש.

(משיחת ש״פ תרומה תשכ״ה)

---

47) ראה תניא רפל״ו. מאמר דיום ההילולא — באתי לגני תש״י בתחלתו. ובכ״מ. וראה גם לעיל ע׳ 21 ואילך.

48) משנה סוטה לז, סע״ב ואילך. וראה בגמרא שם. ספרי נשא לט.

49) זכרי׳ יד, ט. פסחים ספ״ג. ובזח״ג רל, א (וכ״ה נוסחת הכ״י לפסחים שם — הובא בדק״ס) הגירסא: נכתב ביו״ד ה״י ונקרא ביו״ד ה״י.